# אוים גזרות!

פון ד"ר א. מוקדוני

צו דער יודישער פראָטעסט-אַקציע אין דער גאַנצער וועלט

די יודישע, פשוטע, אָבער זעהר טיפע לעבענס חכמה האָט אונז שטרענג אָנ-געזאָגט:

ווען די לאָזט זיך אין א ווייטען וועג מיט א פרעמדען פוהרמאַן, מיט א גוי'-אישען פוהרמאַן, זאָלסטו למה'ש אויהם נאָכקוקן און אויסגעפינען, צי ער צלמ'ט זיך, צי נישט.

צלמ'ט ער זיך יאָ, קענסטו זיכער און רוהיג פאָהרען מיט איהם; ער האָט א גלויבען. עס מאַכט נישט אויס, וואָס זיין גלויבען איז אַן אַנדערער, וואָס זיין גלויבען איז נישט דיין גלויבען, דער עיקר איז — ער האָט א גלויבען און מיט א מענשען, וואָס האָט א גלויבען, איז קיין סכנה נישט צו לאָזען זיך אין א ווייטען וועג.

צלמ'ט ער זיך נישט, זאָלסטו בשום אופן נישט פאָהרען מיט איהם — ער האָט קיין גלויבען נישט און מיט א מענשען אָהן א גלויבען איז זעהר געפעהר-ליך צו לאָזען זיך אין א ווייטען וועג.

און נאָך מעהר האָבען יודען אמאָל מורא געהאַט פאַר איינעם, וואָס האָט פערלאָזען זיין גלויבען, פאַר איינעם, וואָס האָט פערראַטען זיין גלויבען.

דער, וואָס פערראַט זיין גלויבען, וועט קיינמאָל נישט זיין געטריי א צווייטען גלויבען.

דאָס איז אַן אַלטע אויספּרובירטע יו-דישע לעבענס-חכמה.

א סך פון אונזערע גרויסע לעבענס-חכמים, אונזערע פּאָליטיקער זיינען גרייט צו לאָזען זיך אין ווייטען וועג אונ-זערען מיט יעדען פּאָליטישען פוהרמאַן, נישט, צי ער האָט א גלויבען, צי נישט.

...

שינג.

נישט קיין פערלאָרענקייט, נישט קיין מוטלאָזיגקייט, נישט קיין אַבהענגיגקייט און נישט קיין הורבן-יאָמערייי.

עס איז אפשר דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אונזער גלות, וואָס יודען שטעלען אַרויס תביעות, עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס יודען פערמעס-טען זיך מיט א גרויסער רעגירונג.

מיר זיינען אויסגעוואַקסען פאַר די לעצטע פאַר צעהנדליג יאָהר, מיר זיינען אויסגעוואַקסען צו א פאָלק צווישען פעל-קער.

מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָבען מיר דאָך אָנגענומען אַזעלכע „ווייסע" באַפעלען, ווי גזירות.

פאַר א גזרה האָבען מיר איינגעבויגען די קעפּ, פאַר א גזרה זיינען מיר געשטאַ-נען אָפּהענגיג און מוטלאָז.

און מיר זיינען געווען איינגעגמליך מיט דעם אונטערטעניגען גערעדט, אז מלוכות זיינען דאָ אויף דער וועלט נאָר צו מאַכען גזרות אויף יודען

און א גזירה האָט מען געקענט אָפּ-שרייבען מיט תחנונים, מיט שתדלנות, מיט שוחד און מיט אַלע אַנדערע עהנלי-כע מיטלען.

איצט טרעטען מיר אַרויס גענען א

...

— — אוים גזרות!

# אַ נייער יודישער ישוב וואַקסט אויס אין מערב-קאַנאַדע

(ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזשער טאָגעבלאַט" -:- פון ש. מ. זעלטשען

...

# דער צוואַנג צו לעבען

ווי האָט מען געקוקט אויף זעלבסטמערדער א מאָל און איצט און ווי וועט מען זיך צו איהם באַציהען אין דער צוקונפט

פון פּראָפ. מאַקס וואָלף

...

